STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04583

OYB NISHT YETST, VEN?

Levi Yitshak Krakovski

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויב נישט
יעצט,
ווען ?

NEW ADDRESS
603 Eastern Parkway

THE KABBALAH FOUNDATION

22 Lamont Court, Near Kingston Ave. and Empire Blvd.,

Brooklyn, N. Y. SIocum 6-9410.

הרב לוי יצחק קרקובסקי האָט געלערענט די חכמת הקבלה 20 יאָר. 16 יאָר האָט ער געלערענט אין ארץ ישראל. דורך דער צייט פון זיין לערנען האָט ער צוגע־גרייט אַ קאנקאָרדענס אויף די חכמת הקבלה, וואָס וועט פיעל פאַרגרינגערען דעם לערנען פון די חכמה. ער האָט אויך צוגעגרייט דריי מאַנוסקריפּטען אין ענגליש, איינער פון זיי איז אַן איבערזעצונג פון די כללי חכמת הקבלה פון הרב משה חיים לוצטו דער מחבר פון דעם מסלת ישרים. דער ספר ענטהאַלט אין זיך פון 4 ביז 5 הונדערט זייטען. אַלע מאַנוסקריפּטען זיינען פאַרטיג צום דרוקען. דער ספר פון הרב משה חיים לוצטו וועט געדרוקט ווערען צום ערשטען, ווייל ער עפּענט אַ טיר כמעט פאַר יעדען מענש וואָס גאַרט צו וויסען די חכמה זעלבסט. עס איז אַזוי באַארבעט אַז עס וועט נישט זיין קיינע שוועריגקייטען אפילו פאַר יענע וואָס האָבען נאָך גאָר קיין בעגריף ניט ווענען די חכמת הקבלה.

פיעלע באַריהמטע רבנים און אוניווערסיטעטען ריהמען די ווערק פון הרב קרקובסקי.

דאָס זיינען איינינע שטעלען פון הרב הערצאָג, ראש הרבנים פון ארץ ישראל:

„הרב קרקובסקי איז אַ זעלטענע אויסגעצייכענטע פּערזענליכקייט, אַ מענש מיט אַ הייליגען כאַראַקטער, אַן אידעאַליסט פון דעם העכסטען גראַד. די קאנקאָר־דענציע פון הרב קרקובסקי איז אַ ריזיגע ווערק וועלכע וועט ברייגגען פיעל נוצען צו די אַלע וואָס אינטערעסירען זיך אין קבלה און אידיש רעליגיעזע פילאָסאָפיע. איך פאַרהאָף ערנסט, דאָס אונזערע ברידער אין אַמעריקא וועלען וויסען ווי צו שעצען סיי דעם מענש און סיי זיין שאַפונג."

אויב נישט יעצט, ווען?

דער אידישער פאלק איז געבוירען געווארען אלס פאלק נאר דאן, ווען ער האט מקבל געווען די תורה אויף דעם בארג סיני, אזוי ווי דער פסוק זאגט אונז (דברים תבוא כ"ז), „היום הזה נהיית לעם לה' אלקיך", הייגט, נאך דעם ווי דו האסט מקבל געווען די תורה און מצות, ביסטו געווארען א פאלק צו דיין ג—ט, אבער פאר קבלת התורה, זיינען די אידען נאך קיין פאלק נישט געוועזען. די תורה הנגלית, דער תלמוד מיט אלע הלכות, האט אונז באשיצט אין דעם צוויי טויזענד יאריגען גלות, אום מיר זאלען זיך ח"ו נישט אויסמישען און פארלארען ווערען צווישען די פעלקער, דאס הייסט, ווער עס האט זיך באהעפט אין תורה און מצות זיינען געבליבען טרייע אידען, קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב.

דער אויבערשטער האט קיין מאל נישט געמיינט צו האלטען דעם אידישען פאלק אזוי לאנג אין גלות. דער נביא זאגט אונז „כל היום דוה", דרש'ענען די חז"ל, אז די ווערטער בעציען זיך אויף דעם גלות, אז אידען האבען געדארפט זיין אין גלות בלויז טויזענד יאר, ווייל דעם אויבערשטענס טאג איז טויזענד יאר. דאך זעהען מיר אז עס איז שוין באלד אריבער צוויי טויזענד יאר, און מיר זיינען נאך אלץ אין גלות. פרעגט זיך, ווען וועלען מיר פטור ווערען פון דעם פינסטערען גלות? דער תירוץ ווערט געענטפערט אין א מדרש הנעלם, אין „זוהר בראשית". דאס איז דער לשון הזוהר.

(מדרש הנעלם בראשית)

ר' יוסי בן חלפתא הוה יתיב קמיה דר' יצחק, אמ"ל, מידי שמיע ליה למר על מה אתארך יומא דמשיחא מן גלותא דא? אמ"ל, לא אתארך אלא על ביטול אורייתא, דהכי שמענא מרב המנונא סבא, תלתא גליות גלו ישראל, וחזרו בזכותהן דתלתא אבות, וגלותא רביעאה בזכותא

דמשה יתחזרון, תא, ואחזי לך, לא אתגלו ישראל אלא על ביטול תורה, שנאמר „ויאמר ה' על עזבם את תורתי", אמר הקב"ה, גליות הראשונות חזרו בזכות אברהם יצחק ויעקב, עכשיו הם חטאו בתורה שנתתי למשה, ונקרא על שמו, שנאמר, זכרו תורת משה עבדי, כד יתובון ויתעסקון בתורתו, בזכות משה אני גואלם.

(דאָס זאָגט דער זוהר מדרש הנעלם בראשית):

ר' יוסי דער זוהן פון חלפתא איז געזעסען פאַר ר' יצחקן און האָט איהם געפרעגט, אפשר האָט ער געהערט פון וועמען עס איז, פאַר וואָס איז אַזוי פאַרלייננגערט דער טאָג פון משיחן אין דיעזען גלות? האָט ר' יצחק געענטפערט, אַז דאָס פאַרלענגערונג פון דעם גלות קומט נאָר פון נישט לערנען תורה, אַזוי האָב איך געהערט פון רב המנונא סבא: דריי גלותן זיינען אידען פאַרטריבען געוואָרען, פון וועלכע זיי האָבען זיך באַפרייט דורך דעם זכות פון די דריי אבות. אין דיעזען פערטען גלות אין וועלכען מיר זיינען יעצט, וועלען די אידען אויס־געלייזט ווערען דורך דעם זכות פון משהן. קום, איך וועל דיר צייגען! די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָ־רען נאָר צוליב נישט לערנען קיין תורה, ווי דער פסוק זאָגט: „דער אויבערשטער זאָגט דאָס ארץ ישראל איז חרוב געוואָרען צוליב נישט לערנען תורה". אַזוי זאָגט דער אויבערשטער: אין די ערשטע דריי גלותן זיינען די אידען צוריקגעקערט געוואָרען צוליב אברהם, יצחק און יעקב, אָבער יעצט האָבען זיי געזינדיגט אין דער תורה וועלכע איך האָב געגעבען צו משהן, און וועלכע ווערט גערופען אויף זיין נאָמען, ווי דער נביא זאָגט אונז: „געדיינקט די תורה פון משהן מיין קנעכט". ווען די אי־דען וועלען ווייטער אָנפאַנגען לערנען אין זיין תורה, וועל איך דורך דעם זכות פון משהן זיי אויסלייזען.

אויב נישט יעצט, ווען?

נאך דעם זוהר מוזען מיר דאך זאגען, אז מיר זי־צען יעצט אין גלות ווייל מיר לערנען נישט קיין תורה, ווארום ווען מיר וואלטען געלערענט תורה וואלטען מיר דאך געווארען פריי פון גלות, אויב אזוי, דארף מען דאך פארשטיין וועלכען חלק התורה לערנען מיר נישט? זאלען מיר זאגען אז דאס גייט אויף תורת הנגלה, תלמוד מיט הלכות, דאס קען דאך נישט זיין, ווייל מיר האבען דאך ישיבות און פיעלע אידען לערנען דאך ש"ס מיט פוסקים און פון דעסטוועגען זיצען מיר שוין הונדערטער יארען איבעריגע אין גלות. נאר דער אמת איז, אז דער זוהר מיינט אויסדריקליך די תורת הקבלה וועלכע אידען האבען אינגאנצען פארלאזען. דאס איז די אינערליכקייט, די נשמה פון דער תורה, די טעמי המצות וועלכע מיר זיינען מחויב צו לערנען, ווי די גמרא זאגט אין פסחים (דף קי"ט) אז די טעמי תורה איז מען מחויב צו לערנען.

דער ווילנער גאון אין דעם ספר אבן שלמה פרק י"א ג' זאגט דארט מיט דעם לשון:

הגאולה הזאת לא תהיה רק ע"י לימוד התורה, ועיקר הגאולה תליא בלימוד הקבלה.

דאס הייסט: די גאולה וועט זיין דוקא נור דורך לערנען תורה, אבער די הויפט גאולה ווענדעט זיך אין לערנען די חכמת הקבלה.

אין פרק ח' כ"ז זאגט דער גאון:

פנמיות התורה הם חיים לפנימיות הגוף, שהוא הנפש, והחיצוניות, לחיצוניות הגוף. והעוסקים ברמז וסוד, אין יצה"ר יכול להתגרות בהם.

די אינערליכקייט פון דער תורה, די סודות התורה, ברייגנט לעבען צו דאס אינערליכקייט פון דעם גוף, דאס איז דער נפש. און דער אויסערליכער חלק פון דער

אויב נישט יעצט, ווען?

תורה, דאָס הייסט תלמוד, ברייננגט לעבען צום גוף. די יעניגע וואָס לערנען סודות התורה דאָס הייסט חכמת הקבלה, מיט זיי קען זיך דער יצר הרע נישט קריגען. דער יצר הרע האָט נישט קיין מאַכט ביי די מענשען, דערום קען ער אויף זיי נישט ווירקען.

דער רב מלאדי, דער בעל התניא, ברייננגט אין דעם אגרת הקודש, אין דעם מאמר פון (והמשכילים יזהירו ר"מ פ' נשא) די ווערטער:

וכמ"ש האר"י ז"ל דוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות החכמה זו, לא בדורות הראשונים.

דער רב זאָגט: אז רבי יצחק לוריא ז"ל האָט געזאָגט: דאָס דוקא אין אונזערע לעצטע דורות מעג מען און עס איז אַ מצוה אָפּצודעקען די חכמת הקבלה, און נישט אין די פריערדיגע דורות.

אין נוצר חסד פון הרב יהודא יצחק אייזיק קאָמארנא, דער מחבר פון פיעלע ספרים, און דעם זוהר חי אויפן זוהר, געפינען מיר די ווערטער:

ולו עמי שומע לי בדור הרע הזה, שהמינות גובר, היו למדין עם תינוק בן תשעה שנים ספר הזוהר והתיקונים ליהגות בה, והיה יראת חטאו קודמת לחכמתו ויתקיים.

דאָס הייסט: הלואי וואָלט מיך מיין פאָלק צוגעהערט אין דיעזען שלעכטען דור, ווען דאָס מינות שטאַרקט זיך אַזוי פיל, און מען וואָלט געלערענט מיט ניין יאָריגע קינדער דעם זוהר און די תיקוני זוהר. דאַן וואָלט געווען די יראה ביי זיי פריער ווי זייער חכמה, און עס וואָלט געהאַט אַ קיום.

דער כסא מלך, אַ ביאור אויפ'ן תיקון זוהר, ברייננגט אין דעם זעקסטען תיקון בשם מקדש מלך. דאָס זיינען זיינע ווערטער: ובס' מקדש מלך הובא באורך דברי

אויב נישט יעצט, ווען?

הראשונים כמה מעלות טובות למשתדל בפי' מאמרי רשב"י אין קץ לגודל שכרו, ואשרינו מה טוב חלקנו וכו' אם נזכה לעזור ולקרב ביאת משיחנו, כי כך גזר הבורא שלא יתגלה ויהיה גנוז עד סוף יומא, דביגינה יבוא דרור, כי סגולת זו בו, ולא בזולתו.

דאָס הייסט: דער כסא מלך, וועלכער איז מבאר דעם תיקון זוהר, ברייננגט פון מקדש מלך, וועלכער איז מבאר דעם זוהר, די ווערטער: די ערשטע מקובלים זאָגען: ווי גוט זיינען די מעלות פון די וואָס לערנען די ערקלערונגען פון רבי שמעון בן יוחאי, אונענדליך איז זייער לוין, וואויל איז צו אונז, און ווי גוט איז אונזער חלק אַז מיר זאָלען זוכה זיין אין העלפען צו דערנעענ־טערען דעם קומען פון דעם גואל צדק. אַזוי האָט דער אויבערשטער גוזר געווען, דאָס די קבלה זאָל נישט ענטדעקט ווערען און עס זאָל זיין באַהאַלטען ביז די לעצטע טעג. וואָרים צוליב די קבלה וועט קומען די גאולה. וואָרום די סגולה דורך וועלכער משיח דאַרף קומען איז דוקא נאָר דורך דעם לערנען חכמת הקבלה, און נישט דורך קיין אַנדער זאַך.

מיר געפינען אין דער הקדמה פון אור החמה פון ר' אברהם אַזולאי דיעזע ווערטער:

ומצאתי כתוב, כי מה שנגזר למעלה שלא יתעסקו בחכמת האמת בגלוי, היה לזמן קצוב, עד תשלום שנת ה' אלפים ר"ן, ומשם ואילך נקרא דרא בתראה, והותרה הגזירה, והרשות נתונה להתעסק בספר הזוהר, ומשנת ה' אלפים וש' מאות ליצירה, מן המובחר שיתעסקו ברבים גדולים וקטנים. כדאיתא ברעיא מהימנא. ואחרי שבזכות זה עתיד לבא מלך המשיח, ולא בזכות אחר, אין ראוי להתרשל בעסק חכמת הקבלה.

עס מיינט: איך האָב געפונען געשריבען, אַז דאָס

אויב נישט יעצט, ווען?

וואָס מען האָט אויבען גוזר געווען, דאָס מען זאָל נישט לערנען חכמת האמת אָפען פאַר אַלעמען, איז עס נאָר געווען אויף איין בעשטימטע צייט, ביז די ענדע פון דעם יאָר פינף טויזענד צוויי הונדערט און פופציג, פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען דער לעצטער דור, און די גזירה איז אַרונטער גענומען געוואָרען און ערלויבעניש איז געגעבען געוואָרען צו לערנען דעם זוהר פון דעם יאָר פינף טויזענד און דריי הונדערט, דאָס הייסט אַז עס איז שוין פיער הונדערט יאָר ווי מען האָט ערלויבט צו לערנען די חכמת הקבלה. דאַרום איז די בעסטע זאַך אַז מען זאָל לערנען די חכמה ברבים אין אַלע ישיבות יונג און אַלט, אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין רעיא מהימנא. און ווי באַלד אַז דורך דעם זכות דוקא דאַרף קומען דער מלך המשיח, און נישט דורך קיין אַנדער זכות, איז באַשטימט אַז מען טאָר נישט פער־נאַכלעסיגען דעם לערנען פון די חכמת הקבלה.

דאָס זיינען די ווערטער פון (ויקהל משה דף ו׳ ע״ב) ראיתי גדולים וטובים אשר מלגלגים על חכמה הנפלאה הזאת, המה אנשים בעו״ה מעכבים הגאולה, כאשר אני מביא כמה וכמה מאמרי זוהר, כאשר יעידון ויגידון המקובלים הראשונים ואחרונים, ומזהירין באריכות גדול. אין ישראל זוכין לאור הגדול הצפון לצדיקים, אם לא בלימוד החכמה הנפלאה הזאת. שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך.

ער זאָגט: איך האָב געזעהן גרויסע גוטע מענשען, וועלכע האַלטען פאַר נישט נויטיג דיעזע וואונדערבאַרע חכמה, זיי זיינען די יעניגע וועלכע האַלטען אָפּ די גאולה. אַזוי ווי איך וועל ברייינגען פיעלע איבערצייגונגען פון זוהר, אויך זאָגען אויף דעם עדות די ערשטע און די לעצטע מקובלים און זיי ווארנען זייער פיעל, אַז די

אויב נישט יעצט, ווען?

אידען ווען נישט זוכה זיין צו דער גרויסער ליכט וואס איז באהאלטען פאר די צדיקים, נאר סיידען אז מען וועט לערנען דיזע ווונדערבארע חכמה. דער אונטערשיעד צווישען חכמה און נארישקייט איז אזוי ווי עס איז דער אונטערשיעד צווישען ליכטיגקייט און פינס־טערניש.

אין דער הקדמה פון קל״ח פתחי חכמה, דער מחבר פון דעם מסלת ישרים הרב משה חיים לוצטו ווערט גע־זאגט:

נמצא שכל הכעס שכעס הקבה״ו על עמו ישראל, הוא בשביל התורה וכו׳. הקבה״ו, שהוא פועל לכל הפעולות, יודע שעסק התורה הוא ראש לכל התיקונים, לכן הזהיר עליה כמה פעמים, וכעס עלינו כל הכעס הזה על אשר עזבו את תורתו, והנה כלל זה הוא בידינו, שכל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאלו נחרב בימיו. כן בהדור הזה, מאחר שלנו משפט הבחירה לעשות תיקונים גדולים ע״י עסק תורתנו ואין אנו עוסקים, נמצא אנו הגרמא בנזיקין, שהסטרא אחרא מתגברת ח״ו. בפרט לימוד חכמת האמת, הוא לימוד הקבלה, הוא ראש לכל התיקונים, כמו שאמר הרב הקדוש רשב״י ז״ל בפה מלא, דביה יפקון ישראל מגלותא, בזכות לימוד הקבלה יצאו ישראל מן הגלות.

הרב משה חיים לוצטו דער מחבר פון מסלת ישרים זאגט:

דעם גאנצען צארן וואס דער אויבערשטער צארענט אויף זיין פאלק ישראל איז נאר צוליב דער תורה. דער אויבערשטער וואס האט אלעם באשאפען און טוט יעדע זאך, ווייס, אז דאס לערנען תורה איז די הויפט זאך וואס וועט ברייגנען די גאולה פאר דעם אידישען פאלק,

אויב נישט יעצט, ווען?

דארום האט ער אזוי פיעל מאל אנגעזאגט וועגן לערנען תורה, און דערפאר טאקע צארענט דער אויבערשטער אזוי פיעל צוליב דעם וואס מען האט פארלאזען די תורה. די חכמים זאגען, אז יעדער דור אין וועלכען דער בית המקדש ווערט נישט געבויט, איז פונקט אזוי ווי ער וואלט חרוב געווארען אין דעם זעלבען דור, ווייל מען האט אונז געגעבען די מעגליכקייט צו ברייניגען די גאולה דורך אונזער לערנען תורה, און מיר טוען עס נישט, דארום קומט אוים דאס מיר זיינען די שולדיגע אין דעם היזק אז די סטרא אחרא זאל זיך שטארקען ח"ו, איבערהויפט דאס לערנען פון חכמת האמת, וואס איז דער הויפט פון אלע תיקונים, אזוי, ווי רבי שמעון בן יוחאי שפרעכט זיך אוים מיט א פולע מויל, אז דורך דעם זכות פון לערנען חכמת הקבלה וועלען אידען ארוים גיין פון גלות.

דער תיקון זוהר ל' זאגט:

ואפילו כל אינון דמשתדלין באוריתא, כל חסד דעבדין לגרמייהו עבדין, בההוא זמנא (תהלים ע"ח), ויזכור כי בשר המה רוח הולך ולא ישוב לעלמא, ודא איהו רוח דמשיח, וי לון, מאן דגרמין דיזיל ליה מן עלמא ולא יתוב לעלמא, דאלין אינון דעבדין לאוריתא יבשה. ולא בעאן לאשתדלא בחכמה דקבלה. דגרמין דאסתלק נביאו דחכמה דאיהו יוד מינה, ואשארת ב' יבישה וי לון דגרמן עניותא, וחרבה, וביזה, והרג, ואבדן בעלמא, והאי רוח דאסתלק, איהו רוח דמשיח, כמה דאתמר, ואיהו רוח הקודש, ואיהו רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה'.

דער פשט פון די ווערטער פון זוהר בקיצור איז אזוי: אפילו ווען מען לערענט די תורה הנגלית און מען איז נישט מצליח צו געפינען דאס ליכט פון דער

אויב נישט יעצט, ווען?

תורה, דאס הייסט דעם „המאור שבה", ווייל דארט איז די ליכט זייער באהאלטען און עס איז שווער צו געפינען, דעריבער בלייבט די תורה טרוקען, פון דעסט-וועגען וואלטען זיי דאך געקענט מצליח זיין דורך לערנען חכמת הקבלה, ווייל דארט איז דער מאור איינגעוויקעלט אין די קליידער פון השי"ת, דאס הייסט אין די הייליגע שמות און אין די ספירות, דאן וואלט די ליכט פון דער תורה געשיינט אויף די וואס לערנען די חכמה, און דאס וואלט פעראורזאכט אז עס זאל ארונטער קומען א רוח חכמה פון אויבען, דאס איז דער רוח המשיח. אזוי ווי דער נביא ישעיהו זאגט, אז אויף דעם מלך המשיח וועט רוען א „רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ה'". עס איז נויטיג אריין צוטראכטען זיך עטוואס מער וועגען דעם ענין. מיר זעהען דאך אז דער אידישער גלות באשטייט נאר בלויז אין דעם מאנגעל פון דעת אזוי ווי די נביאים זאגען אונז (ישעיהו ה' י"ג) „לכן גלה עמי מבלי דעת". דאס הייסט, די אידען זיינען אין גלות, ווייל זיי האבען נישט קיין דעת. אויך דער נביא הושע זאגט אין קאפיטעל ד' ו': „נדמו עמי מבלי הדעת", מיין פאלק איז פארשניטען, ווייל ער האט נישט קיין דעת. און דאס מיינען די חכמים, ווען זיי זאגען: אם דעת קנית, מה חסרת? אם דעת חסרת, מה קנית? דאס הייסט, ווען מען האט דעת איז אלעס פאראן, און אויב אז עס איז נישטא קיין דעת האט מען קיין זאך נישט. יעצט פרעגט זיך „היד ה' תקצר"? איז דען דעם אויבערשטענס האנד קורץ? קען ער דען נישט דערלאנגען דעם דעת וואס עס פעלט אונז? עס איז דאך אין זיין האנד. און מיר בעטען דאך יעדען טאג „אתה חונן לאדם דעת". ווארום גיט ער אונז נישט דעם דעת, אום מיר זאלען קענען פטור ווערען

אויב נישט יעצט, ווען?

פון דעם פינסטערען גלות? דער תירוץ איז, ווי דער זוהר זאָגט אונז דאָס: „באתערותא דלתתא אתער רוח דלעילא". דאָס הייסט, אַז דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ געזעץ אַז פריער מוז זיך דער מענש אויף וועקען צו לערנען דעת, וואָרום נאָר דאַן קען מען ער־וואַרטען צו ווערען געענטפערט מיט דעם דעת פון הימעל, אום עס זאָל מקוים ווערען, „ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים הים מכסה", ד. ה. אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערען פול מיט דעת פון השי"ת. אָבער אויב מיר לער־נען נישט דעם דעת ה׳ וואָס דאָס איז די חכמת הקבלה, ווי אַזוי קענען מיר פאַרלאַנגען אָדער אפילו האָפען צו באַקומען דעם נויטיגען דעת? אומזיסט איז אונזער וואַר־טען, וואָרום דעם אויבערשטענס געזעצען בייטען זיך נישט, ווי דער פסוק זאָגט: „אני הויה לא שניתי", „איך, זאָגט ג—ט, בייט זיך נישט", דערפאַר איז דאָ אַ פסוק אין דער תורה וואָס באַפעלט דורך אוים דעם מענש וועגען לערנען דעם דעת השם, דאָס זאָגט דער פסוק: „וידעת היום והשובת אל לבבך כי ה׳ הוא האלקים וכו׳", דו זאָלסט אומבאַדינגט לערנען דעת השם.

דער נביא ירמיהו זאָגט: „כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי", דאָס מיינט, קיינער זאָל זיך נישט ריהמען, נור דער מעג זיך ריהמען, וואָס קליגט זיך און דערקענט מיך, ד. ה. דעם באַשעפער. און אַזוי זאָגט דוד צו זיין זוהן שלמהן: „ואתה שלמה בני דע את אלקי אביך ועבדהו", ד. ה. ווייסט דעם ג—ט פון דיין פאָטער און דאַן קענסטו איהם דינען.

פון די פסוקים זעהען מיר אַז דער מענש מוז אַליין פריער לערנען חכמה און דעת צו נושא חן זיין ביי דעם אויבערשטען אום צו ווערען געענטפערט מיט דעם דעת פון הימעל.

אויב נישט יעצט, ווען?

דאָס באַוואָרענט אונז די גמרא אין (ברכות נ"ה) „אין הקבה"ו נותן חכמה אלא למי שיש לו חכמה". דער אויבערשטער גיט נישט חכמה צו אַ מענש נור סיידען ער באַזיצט חכמה, ווי עס ווערט געבראַכט אין דניאל, „יהיב חכמתא לחכימין", ד. ה. מען גיט חכמה צו אַ חכם.

דער ווילנער גאון אין דעם ספר אבן אליהו פרק ח' י"ט גיט צו פאַרשטיין דעם טעם פון דער גמרא, אַז די חכמה עליונה קען נישט קומען צו אַ ליידיגען פלאַץ, נאָר זי מוז פריער האָבען אַ כלי וואוהין אַריין צו שיינען. דעם אויבערשטענס האַנט, זאָגט דער גאון, איז אָפען, ער וויל געבען חכמה צו אַלעמען, נור ווער עס לערענט נישט פריער אַליין די חכמה, דער קען נישט באַקומען די שפע פון אויבען. ווי די גמרא זאָגט: „אם שמוע מלמטה תשמע מלמעלה", אויב דו וועסט לערנען דאָ אונטען אויף דער וועלט, וועסטו הערען פון אויבען.

דעריבער זאָגט דער זוהר, אַז דערפאַר ווייל זיי ווילען נישט לערנען די חכמת הקבלה גייט אַוועק די קוועלע פון חכמה און די הויז בלייבט טרוקען, מען מיינט די שכינה הקדושה, און דעריבער שרייט אוים דער זוהר, וויי צו אונז וואָס מען פאַראורזאַכט: אָרעמקייט, שווערד, רויב, מאָרד און די פאַרניכטונג פון דער וועלט.

(זוהר נשא ר"מ ד' קכ"ד ע"ב):

בהאי חבורא דילך, דאיהו ספר הזוהר מן זוהרא דאמא עלאה תשובה, באלין לא צריך נסיון, ובגין דעתידין ישראל למטעם מאילנא דחיי, דאיהו האי ספר הזוהר, יפקון ביה מן גלותא ברחמים, ויתקיים בהון ה' בדד ינחנו (דברים ל"ב).

אליהו הנביא האָט געזאָגט צו רבי שמעון: דורך דיין חיבור, דאָס איז דער ספר הזוהר, וועלען אידען

אויב נישט יעצט, ווען?

ארויס גיין פריי פון גלות, ווייל זיי וועלען אין דער צוקונפט לערנען דעם זוהר, דאס הייסט, זיי וועלען פאר־זוכען פון דעם עץ החיים, דעם בוים פון לעבען, דערפאר וועלען זיי זוכה זיין צו א גאולה אן נסיונות.

הקדמת עץ החיים מהרב חיים וויטאל דף א׳ ע״ב:

כמ״ש חכמים ז״ל: „במחשכים הושבני כמתי עולם׳ זה תלמוד בבלי אשר איננו מאיר אלא ע״י ספר הזוהר, הם הם רזי תורה וסתריה, אשר עליהם נאמר: „ותורה אור״ ואין ספק.

הרב חיים וויטאל זאגט, אין דעם עץ החיים פון הרב יצחק לוריא ז״ל: אז די חז״ל דרש׳ענען אויף דעם פסוק: דו האסט מיך אריין געזעצט אין פינסטערניש, דאס מיינט מען דעם תלמוד בבלי, די שכינה הקדושה זאגט צום אויבערשטען: דאס דורך דעם וואס אידען לערנען בלויז דעם תלמוד בבלי, זיץ איך אין דער פינס־טער, אין גלות. ווייל דער תלמוד ווערט נור באלויכטען דורך דעם זוהר, דאס זיינען די סודות התורה. ווארום דאס וואס שלמה המלך זאגט: „ותורה אור״, אז די תורה איז ליכטיגקייט, מיינט ער סודות התורה. אין דעם איז נישטא קיין שום צווייפעל.

הקדמת עץ החיים דף ג׳ ע״ב:

הרב חיים וויטאל ברייגנט א זוהר פון פרשת וירא דף קי״ח ע״א און גיט צו פארשטיין פאלגענדע:

וכד יהא קריב ליומי משיחא, אפילו חני רביי דעלמא, זמינין לאשכחא רזין טמירין דחכמתא, הרי מבואר, כי עד עתה היו דברי חכמת הזוהר נעלמת, ובדרא בתראה תתגלה ותתפרסם חכמה הזאת, ויבינו וישכילו ברזי התורה שלא השיגו הקודמים אלינו.

דער זוהר זאגט: דאס ווען עס וועט קומען די צייט פון משיחן, וועלען אפילו קינדער וואס גייען אין חדר

פארשטיין די פארבארגענע חכמה פון דער תורה. אויף דעם זאגט הרב חיים וויטאל, דאס ביז יעצט זיינען געווען די ווערטער פון זוהר באהאלטען, אבער אין דעם לעצטען דור וועט ענטדעקט ווערען, און עס וועט פאר־שפרייט ווערען די חכמה, זיי וועלען פארשטיין אין די סודות התורה דאס, וואס די פריערינע דורות האבען נישט פארשטאנען.

עץ חיים דף ב׳ ע״א:

הרב חיים וויטאל באהויפטעט:

כי הת״ח העוסקים בתורה לשמה ולא לשמו לעשות לו שם, צריך שיעסוק בתחילה בחכמת המקרא, והמשנה והתלמוד כפי מה שיוכל לסבול, ואח״כ יעסוק לדעת את קונו בחכמת האמת, וכמו שציוה דהע״ה את שלמה בנו: „דע את אלקי אביך ועבדהו״. ואם האיש הזה יהיה כבד וקשה בענין העיון בתלמוד, מוטב לו שיניח את ידו ממנו אחר שבחן מזלו בחכמה זאת, ויעסוק בחכמת האמת. וז״ש „כל ת״ח שאינו רואה סימן יפה בתלמוד בחמשה שנים שוב אינו רואה״, ואמנם כל האיש שהוא קל לעיון מחויב לתת חלק שעה או ב׳ שעות ביום בעיון ההלכה ואח״כ יכוין לקשט המטרוניתא עצמה שהיא חכמת הקבלה.

הרב חיים וויטאל זאגט: די תלמידי חכמים וועלכע לערנען תורה לשמה און נישט פאר זיך זעלבסט, צו שאפען זיך א גרויסען נאמען. דארף לערנען צום ערשט: פסוק, משנה און תלמוד וויפיעל ער קען פארנעמען, דערנאך זאל ער לערנען צו דערקענען זיין באשעפער דורך חכמת האמת, אזוי ווי דוד המלך האט פארזאגט זיין זוהן שלמה: „דערקען דעם ג—ט פון דיין פאטער און דאן זאלסטו איהם דינען״. און אויב דעם מענש איז שווער צו לערנען תלמוד, זאל ער אינגאנצען אפלאזען

דעם לימוד התלמוד, נאָך דעם ווי ער האָט שוין זיין מזל געפּרובירט אין חכמת התלמוד, און זאָל בעסער לערנען חכמת האמת. דאָס, זאָגט וויטאל, מיינען די חז"ל (חולין כ"ד) ווען זיי זאָגען, דאָס „אויב איין ת"ח זעט נישט קיין סימן ברכה אין לערנען תלמוד דורך דער צייט פון פינף יאָר, דאַרף ער מער נישט וואַרטען אויף ווייטער און זאָל פּרובירען זיין מזל אין חכמת הקבלה. אָבער דעם מענש וואָס דער תלמוד איז לייכט, דער זאָל לערנען אַ שטונדע אָדער צוויי שטונדען אַ טאָג הלכה, און די איבעריגע צייט זאָל ער לערנען חכמת הקבלה. הרב חיים וויטאל גיט צו פאַרשטיין די ווערטער פון די חכמים, אַז דאָס וואָס זיי זאָגען „שלא יראה סימן יפה לעולם", מיינט נישט אַז מען זאָל חלילה אויפהערען לער-נען. נור זיי מיינען צו זאָגען, אַז דער לערנער דאַרף שוין מער נישט האָפען צו געפינען דעם אור התורה דורך לערנען תלמוד. וואָרום דער תכלית פון לערנען תורה איז דאָך בלויז צו געפינען דעם מאור פון דער תורה, די ליכט וואָס איז דאָרט באַהאַלטען. ווי די חז"ל זאָגען „המאור שבה מחזירו למוטב", און כל זמן אַז עס איז נישטאָ די באַלייכטונג האָט מען נאָך נישט ערדרייכט דעם תכלית התורה. דעריבער איז מען מחויב צו זוכען מיט-לען ווי צו געפינען דעם אור התורה. דאָס זאָגט הרב חיים וויטאל, אַז די גמרא זאָגט נאָר בלויז דעם חסרון און ריידען נישט אַרוים די עצה ווי אַזוי מען קען מצליח זיין, אָבער רב חיים וויטאל ערקלערט די עצה, דהיינו, אַז אין דעם חלק התורה פון חכמת הקבלה דאָרט איז לייכט צו געפינען די ליכט פון דער תורה. דעריבער דאַרף דער מענש פּרובירען זיין מזל אין חכמת הקבלה.

אין עץ חיים ד"א זאָגט רב חיים וויטאל: וגלות האחרון המר והארוך אשר אנו בעו"ה, עד דיתובון בני

ישראל בתיובתא ובקשו את ה׳ אלקיהם להכירו וליודעו ברזי תורה, וידעו את מי הם עובדים ומי הוא מלכם.

עס מיינט: אז דער לעצטער לאנגער ביטערער גלות אין וועלכען מיר געפינען זיך וועט אנהאלטען ביז די אידען וועלען זיך צוריק קערען און וועלען זוכען דעם אויבערשטען אום צו דערקענען איהם, צו פארשטיין דעם באשעפער דורך די סודות התורה, דאן וועלען זיי וויסען וועמען זיי דינען, און ווער איז זייער קעניג.

(עץ החיים דף ב׳ ע״ב)

משמת ר׳ עקיבא בטל כבוד התורה, ופי׳ המפרשים, שהיה יודע להשיב ולדרוש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות. וזה כבוד התורה והדרה ויפיה. וזה אצלי פשט המשנה: אריב״ל בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, כי בלי ספק בהיותם עוסקים בפשטיה ובספוריה לבדם, היא לובשת בגדי אלמונתה ושק הושת כסותה. וכל האומות יאמרו לישראל: מה דודך מדוד? מה תורתכם מתורתינו? הלא גם תורתכם ספורים בהבלי עולם, אין עלבון תורה גדולה מזה, ולכן, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. ואינם עוסקים בחכמת הקבלה שהיא נותנת כבוד לתורה, כי הם מאריכים הגלות וכל הרעות המתרגשות לבא בעולם.

הרב חיים וויטאל זאגט אונז: אז ווי נאר ר׳ עקיבא איז געשטארבען איז בטול געווארען דער כבוד התורה, זאגען די מפרשים, ווייל ר׳ עקיבא האט געדרשענט בערג מיט הלכות אויף יעדען פינטעל — דאס איז דער כבוד התורה, דאס איז איהר שיינקייט מיט איהר פראכט; דאס, זאגט וויטאל, מיינט די משנה: אז יעדען טאג גייט ארויס א בת קול פון דעם בארג חורב און שרייט אויס, ווי צו די מענשען וועלכע פארשעמען די תורה, ווארום

אויב נישט יעצט, ווען?

עס איז גאָר נישטאָ קיין ספק, אַז ווי באַלד מען לערענט נאָר בלויז פשט מיט די געשיכטעס פון דער תורה אַליין, דאַן איז עס פונקט ווי די תורה ווערט באַקליידעט מיט די קליידער פון אַן אלמנה, און אַ זאַק ווערט איהר צודעק. אַלע פעלקער זאָגען צו די אידען: מיט וואָס איז אייער פריינד בעסער פאַר יעדען אַנדערען? דאָס הייסט: מיט וואָס איז אייער תורה בעסער פאַר אונזער תורה? אייער תורה באַשטייט אויך פון געשיכטעס מיט וועלט זאַכען. קיין גרעסערע שאַנדע קען שוין נישט זיין. דעריבער זאָגט די משנה, ווײ צו די מענשען וועלכע פאַרשעמען די תורה, און לערנען נישט די חכמת הקבלה, וועלכע ברייגגט כבוד התורה. יענע וועלכע לערנען נישט די קבלה, פאַרלענגערען דעם גלות, און ברייגגען אַלע צרות אויף דער וועלט.

(עץ החיים ד״ג ע״א)

והוא כי בהיותינו עוסקים בחכמה הזאת כי ע״י תתקרב הגאולה, וכביכול ישועתה לשכינת עוזו, היינו ממהרים להצמיחה, כמ״ש „ותושע לי זרוע״, לי ממש כביכול. וכנ״ל. במאמר שהתחלנו בהקדמתנו זאת, כי הכל תלוי בעסק החכמה הזאת, ומניעתנו מלהתעסק בה היא גורמת איחור ועיכוב בנין בית מקדשנו ותפארתנו.

הרב חיים וויטאל זאָגט: אַז ווען מיר לערנען די חכמת הקבלה דערנעענטערען מיר די גאולה, און דורך דעם ווערט די שכינה געהאָלפען. מיר איילען צו איהר אויסשפראָצונג. וואָרום אַלעס ווענדעט זיך אין דעם לערנען פון חכמת הקבלה. ווען מיר האַלטען זיך צוריק פון לערנען די חכמה, דאָס פערזאורזאַכט די פאַרלענגערונג און אָבהאַלט פון דעם בנין בית המקדש.

אויב נישט יעצט, ווען?

עץ החיים דף ג' ע"א:

הרי מבואר בפירוש אף בדברי התנאים שאין האדם יוצא ידי חובתו לגמרי בעסק המקרא והמשנה והאגדה והתלמוד בלבד, אלא הוא מחויב לעסוק בכל יכלתו בסתרי תורה. כי אין הנאה להקב"ה מכל שברא בעולמו, רק בהיות בניו למטה עוסקים ברזי התורה להכיר גדולתו ויופיו ומעלתו. כי בפשטי התורה ובספריה ובדיניה ובמצותיה בהיותם כפשוטם, אין בהם שום היכר וידיעה לידע את בוראם י"ת, אדרבה יש בהם מצות וחקים שאין הדעת סובלם, וכל אומות העולם מונין את ישראל ואומרים להם וכי מה התורה הזאת אשר צוה אלקיכם אתכם, דברים שנראים כחידות ומשלים. ליקח קרן פרה ולתקוע בו ביום ראש השנה, ואתם אומרים שעל ידי כן שטן הרוחני המקטרג העליון מתערב וכיוצא מדברים אלו, כמעט רוב מצות התורה, ובפרט פרטי דיניהם אין השכל סובלם. וא"כ היכן הוא הדר התורה ויופיה וגדולתה?

הרב חיים וויטאל לאָזט אונז וויסען אז עס ווערט ערקלערט אפילו אין די ווערטער פון די תנאים דאָס אַ מענש איז נישט יוצא נאָר מיט לערנען מקרא, משנה, אגדה און תלמוד אליין. נאָר ער מוז מיט אַלע זיינע מעג־ליכטיקייטען לערנען סודות התורה, וואָרום דער אויבער־שטער איז צופרידען מער פון אַלעם וואָס ער האָט באַ־שאַפען אויף דער וועלט, נאָר פון דעם וואָס זיינע קינדער לערנען די חכמת הקבלה אויף דער וועלט. דורך וועלכע חכמה זיי דערקענען זיין גרויסקייט, מיט זיין שיינקייט און זיין ווערדע. וואָרום דורך פשט און די געשיכטעס פון דער תורה און אויך פון איהרע דינים מיט מצות וועלכע מען פאַרשטייט נאָר פשוט, קען מען דורך זיי נישט דערקענען דעם באַשעפער, מען קען נישט דערקענען און

אויב נישט יעצט, ווען?

וויסען דעם בורא עולם. פארקערט עס זיינען דא מצות מיט געזעצען דאס דער מענשליכער פארשטאנד באַגרייפט זיי גאר נישט, און אלע פעלקער פרעגען די אידען און זאגען וואס איז דאס פאר א תורה וואס אייער גאט האט אייך פארזאגט? עס זיינען דא זאכען וואס קוקען אוים ווי רעטענישען און משלים. צו נעמען א הארן פון א קוה און צו בלאזען שופר ראש השנה. און איהר זאגט, דאס דורך דעם ווערט דער גייסטיגער שטן, וואס איז אויבען, צומישט. און נאך אזעלכע זאכען. כמעט די מערסטע מצות פון דער תורה. און ווער רעדט נאך פון די פארשידענע דינים וואס דער שכל נעמט נישט. דארום וואו איז די פראכט פון דער תורה, איהר שיינקייט און איהר גרויסקייט?

זאלען די אלע גרויסע אטאריטעטען דינען פאר אונז אלס איין קול קורא, אום אויף צוואוועקען דעם אידישען פאלק פון זיין שלאף אין דער לאנגער פינסטערער נאכט פון גלות. די ווערטער פון זוהר און פון די גדולי ישראל איז גענוג איבערצייגונג אז די חכמת הקבלה איז אונזער איינציגער וואפען געגען אונזער ביטערען שונא, וועלכער זוכט צו פארניכטען דעם אידישען פאלק. די ווערטער פון די חכמים דארפען אונז דינען אזוי ווי א באלייכטונג אין א פינסטערער נאכט. אלע קלאסען פון דעם אידישען פאלק מוזען נעמען צום הארצען די ווערטער פון אונזערע אונשטערבליכע ריעזען. אלע מוזען זיך נעמען צוזאמען מיט אלע קרעפטען און צו בויען נאך א מאל דעם בית המקדש פון די סודות התורה, די חכמת הקבלה. דעם אויבערשטענס ווארט איז אונזער וואפען, מיר האבען נישט קיינע ארמייען, מיר דארפען נישט קיינע קאנאנען. אונזער אונזיגבארע מאכט איז באהאלטען אין אונזער גייסטיגע ירושה, די חכמת הקבלה.

light, and as a warning and admonishment to her teachers and leaders to rally all their powers to the holy cause. For we are to build once more a tabernacle of holiness—even as in the days of Moses. The word of God is our weapon. We have no armies—we need no guns. Our indomitable power is our spiritual knowledge—our wisdom of the Truth.

ing up the manifestation on earth of the Kingdom of Heaven. For all is dependent upon our study of the Wisdom. However, when we deviate from this path of study, we prolong the exile and delay the building of the Temple."

(cf. Introduction to "Tree of Life," p. 3)

"Even the words of the Tannaim declare that we by no means fulfill our obligation to learn Torah when we confine ourselves to Bible, Mishneh, Aggadah and Talmud, for with all our powers we should strive to learn the secrets of the Torah. No other pursuit, on the part of His children," comments Vital, "affords the Creator so much delight as their study of the Kabbalah, through which they come to know His sublimity, His glory and His worth. Because through literal interpretations, narratives and simple understanding alone of the laws of Torah and precepts, we cannot recognize Him, nor can we have any basic knowledge of the Creator of the world. In fact, there are even laws and precepts which cannot be grasped by the human mind so that the nations of the world turn to the Jew in mockery: 'What kind of Torah is this that God has commanded unto you? It is full of riddles and puzzling things. You take a cow's horn and blow upon it on your New Year's Day, and claim that you confuse Satan.' The majority of precepts are equally puzzling, not to mention the various laws and statutes which are beyond human understanding. Thus the nations ask: 'Where is the glory of your Torah, where her beauty, and what of sublimity?' "

(cf. Introduction to "Tree of Life," p. 3)

These authoritative sources should suffice as a resounding call to Israel to awaken from her lethargy and her long night of exile. May they serve in Israel's present dark hour of tribulation as a beacon

If Eventually—Why Not NOW?

Rabbi Vital goes on to quote the Talmudic saying:

"With the passing of Rabbi Akiba the glory of Torah vanished, because on every point of the Torah he expounded whole mountains of Halakhah."

He adds that:

"These innumerable expositions are the very glory of Torah, its beauty and charm."

and cites the Mishneh to the effect that

"Every day a Bath-Kol (a Heavenly Voice) goes forth from Mount Sinai proclaiming the words: 'Woe to mankind for contempt of the Torah.' Because," says Vital, "as long as students are occupied with the literal meaning of Torah and the stories in it, it is as though they are clothing it in sack-cloth. The nations of the world question the Jews: 'By what is your friend better than any other,' meaning, 'In what way is your Torah better than our teachings?' 'Your Torah also consists of narratives and worldly things.' No greater shame than this could befall the Torah. That is why the Mishneh cries out, 'Woe to mankind!' for man brings shame to the Torah when he neglects the wisdom of the Kabbalah, through which he could instead glorify it. Those who do not learn the Kabbalah prolong the exile and bring about all the calamities in the world."

(cf. Introduction to "Tree of Life," p. 2)

"When we learn the Wisdom of Kabbalah," continues Vital, "we draw the redemption closer. We help the Shekinah, speed-

mud, let him put it aside after he has tried his best. Let him start the study of the Wisdom of the Kabbalah. For this is what the sages meant when they said (Tractate Chulin, 24): 'If a student of the Talmud sees no token of blessing in it over a five-year period, let him wait no longer.' But for him to whom the Talmud is easy, let him devote but an hour or two a day to Halakhah and the rest of his time to the study of the Wisdom of the Kabbalah."

Rabbi Vital comments that the words of the sages anent "a token of blessing" does not by any means imply that the scholar should discontinue his occupation with Torah, but rather that he may never hope to find the Light of the Torah through the study of the Talmud alone. Since the goal of Torah study is solely to unveil the Light therein, and as long as that goal is not reached, one is obligated to seek other means.

In this way, Rabbi Vital points out, the sages merely stipulate the lack, without declaring how it shall be remedied, but he himself supplies this when he advocates the study of that portion of Torah in which the Light is readily accessible, in other words, the Kabbalah.

Again he reminds us that:

"The last long and bitter exile, in which we now are, will endure until the Jews return to seek God so that they may know and understand Him through the mysteries of Torah. Then they will know Whom they serve and Who is their King.

the Jews study only the Babylonian Talmud, She is confined in darkness, or exile. Vital interprets the sages' comment to mean that the Talmud can be illumined solely by means of the Zohar, which contains the Mysteries of the Torah. For when King Solomon says that "Torah is Light" he refers, unquestionably, to the secrets of the Torah. (cf. Introduction to "Tree of Life," p. 1).

In another place, the same author quotes from the Zohar, as follows

"When the time of the advent of Messiah arrives even school children will understand the mystical wisdom of the Torah, as it is embodied in the Kabbalah."

And Rabbi Vital continues:

"Up to now the words of the Zohar have been concealed, but in the last generation they will be unveiled and disseminated. Men will understand in the mysteries of the Torah that which earlier generations could not penetrate."

(cf. Introduction to "Tree of Life," p. 3)

In the same work, Rabbi Vital writes:

"The Talmudic scholar who studies Torah for the sake of Torah and not for his own sake must first learn all that he can absorb of the Bible, Mishneh and Talmud. Thereafter he must learn to know his Creator by means of the Wisdom of the Truth, exactly as King David commanded Solomon when he said: 'Recognize the God of your father so that you may serve Him.' And if the student find it difficult to study Tal-

peats this truth in different words: 'If you will learn here below, you will be answered from above.' "

Therefore the Zohar concludes that:

> "Because they do not wish to learn the wisdom of the Kabbalah therefore the fountain of wisdom disappears and the house (the holy Shekinah) remains dry."

And further:

> "Woe to us that we bring poverty, the sword, plunder, murder and annihilation of the world."

meaning that these are the results of ignorance of the holy teachings of the Kabbalah. (cf. Emendatory Zohar—30).

Elijah, the prophet, says to Rabbi Simon ben Jochai:

> "Because you have composed the Zohar, the Jews will be redeemed from exile, for in later ages they will study it and merit redemption. They will taste the fruit of the Tree of Life and thus be privileged to redemption without tribulation."
> (Zohar, Nossi, "Raya Mehemna," p. 122)

In his introduction to the "Tree of Life" of Rabbi Isaac Luria, Rabbi Chayyim Vital quotes a comment of the sages on the Scriptural verse, "You have placed me in darkness," wherein they show it to refer to the Babylonian Talmud. According to the sages, the Shekinah laments before the Creator that because

receive, the ultimate gift of knowledge? In vain shall we wait, for the Creator's laws are immutable. The Psalms express this truth in the words:

"I, God, am unchanging."

Because man's highest goal in the world is to seek the knowledge of God we find this point stressed in three different places: in the Books of Moses, in the Prophetic Books and in the Writings of David.

Moses tells us: "Know, therefore, this day, and reflect in thy heart that the Lord He is God. . . ."

Jeremiah says: "He may pride himself who employs all his powers for knowledge of Me."

And King David says to Solomon: "Know, my son, the God of your fathers, so that you may serve Him."

We are taught that man must first get wisdom and knowledge before he can find grace in the eyes of God. In the same connection, the Talmud, in the Tractate on Blessings (p. 55) states: "God gives wisdom to him who has wisdom."

The Gaon of Vilna, in his book "Eben Shloma" chapter VIII, 19, explains this Talmudic expression by saying that the "upper wisdom cannot shine into an empty place, but requires an appropriate vessel in which to be contained. The Creator's hand is open; His desire is to give wisdom to all. But whoever does not first learn wisdom himself can never receive the bounty from above, as the Talmud re-

of knowledge. Thus Isaiah (in Chapter V, verse 13) proclaims:

> "Therefore my people are gone into captivity because they have no knowledge."

Also the prophet Hosea (Chapter IV, verse 6) takes up the cry:

> "My people are destroyed for lack of knowledge,"

and it is also to this that the sages refer when they say:

> "If you gain knowledge, what do you lack—but if you lack knowledge, what have you?"

Now the question arises whether the hand of God is too short to convey this knowledge that we lack, for truly it is within His power, and do we not, in fact, beseech Him each day out of mercy to bestow knowledge to us? Why then is it not conferred so that we may be freed from our dark and bitter exile?

The Zohar presents the answer, saying that our endeavors in pursuing wisdom and knowledge must precede the bestowal from above. Only then can the prophet's words, "The whole earth will be filled with the knowledge of God as the waters cover the sea," be fulfilled. But if we fail to seek knowledge of God—as it resides in the pages of the Kabbalah—how can we honestly beseech, and still less hope to

means of Torah study was given us, and we do not seize our opportunity, we are to blame, and it is we who give sway to the Citra Achara—the demonic powers.

" 'Torah study' refers here in particular to the wisdom of the Kabbalah, which is the cardinal factor in redemption. This is corroborated by the words of Rabbi Simon ben Jochai who strongly emphasizes that only the study of the Kabbalah will redeem Israel from exile."

(cf. "The One Hundred and Thirty-Eight Doors of Wisdom"—Luzzatto)

The "Emendatory Zohar," part 30, states that when one pursues the study of the Talmud and does not succeed in finding therein the Light of the Torah, it is because in the Talmud it is very much concealed and difficult to find. Thus the Torah remains dry. Nevertheless it is possible to reach the Light of Torah by studying the Wisdom of the Kabbalah because here the Light is enshrouded in the garments of the Creator Himself, that is, in the Holy Names and the spheres.

Thus the Light of the Torah which students unveil by their study of the Kabbalah effects the manifestation of the Heavenly Spirit from above. It is the spirit of Messiah, as the prophet Isaiah expresses:

"And it shall come to pass that the spirit of Wisdom, Intelligence, Knowledge and the fear of God shall hover over the Messiah."

Let us examine more closely the foregoing statements, for it would seem that our exile is due to lack

portant than that this wisdom should be disseminated to students young and old, and in all Yeshivas, as is recommended in the 'Raya Mehemna.' And since the Messiah must come just because of the merit of this wisdom and not through anything else, it is certain that the study of the Kabbalah must not be negelected."

(cf. Introduction to "The Light of the Sun")

The author of "And Moses Gathered," a noted Kabbalist of the seventeenth century, writes:

"I have seen great and good people who think that this wonderful wisdom (Kabbalah) is unimportant. It is they who postpone the redemption, and of this I shall bring much proof from the Zohar. Also the early and the later Kabbalists have testified to this, stating in no unceratin terms that the Jews will never behold the great Light which is saved for the righteous, unless they learn this profound teaching. The difference between wisdom and foolishness is the same as that between light and darkness."

(cf. "And Moses Gathered" (Vayakhail Moshe) p. 6)

In the introduction to "The One Hundred and Thirty-Eight Doors of Wisdom" Moses Hayyim Luzzatto, author of "Mesillat Yesharim," writes the following:

"We find that the wrath which the Creator visited upon Israel was for the sake of Torah. God, Who created everything and acts all things, knows that the study of the Torah is the chief factor in the redemption of the Jewish race. Therefore He many times commanded its study, and many times raged against His people for their abandonment of Torah.

"The sages say that every generation that fails to build up the Holy Temple is as though it were its actual destroyer. Just because the possibility of bringing the redemption by

"O that my people would listen to me in this generation of perversion, when atheism flourishes, for they would teach the Zohar and the Emendatory Zohar even to children of nine! Then the fear of God in their hearts would precede wisdom, and cause them to retain it."

(cf. "Netzer Hesed," p. 56)

The "Throne of the King," a commentary to the Emendatory Zohar, cites a quotation from the "Mikdosh Melech" which in turn is a commentary on the Zohar, as follows:

"The early Kabbalists exclaim: 'How virtuous are they who study the expositions of Rabbi Simon ben Jochai. Their reward is infinite. Happy are we and how fortunate our lot that we are to draw closer the advent of the Messiah. It was the Lord's decree that the Kabbalah should remain concealed until the last days, for the redemption is to come through its study. Only by means of this talisman, and no other will the advent of the Messiah be effected.' "

(cf. "Throne of the King" (Kissay Melech)
—Emendatory Zohar VI.)

Rabbi Abraham Azuloy, author of "The Light of the Sun," which is an outstanding commentary on the Zohar, says:

"I found it written that the decree which was passed from above that the Kabbalah should not be taught publicly was only to be in effect for a limited time, that is, until the year 5250; thereafter the last generation begins, for whom this ban is lifted. Permission to study the Zohar is granted from the year 5300 on.* Therefore there could be nothing more im-

*Which means that for the past four hundred years we were supposed to devote ourselves to the teachings of the Kabbalah.—Ed. Note.

the significant interpretation of the intention of the precepts, which it is incumbent upon us to know. In *Tractate Psochim,* p. 119, the Talmud propounds our obligation to learn and to reveal the inner meaning of Torah.

The Gaon of Vilna asserts that:

> "The redemption of Israel will come only through the pursuit of Torah, and specifically depends upon the study of the Kabbalah."
>
> (cf. "Eben Shloma," 11, 3)

In another place he says that:

> "The inner essence of Torah, that is, its mysteries, bring life to the inner essence of man, the *nefesh,* while the external part of the Torah, the Talmud, brings life to the body. Those who learn the mysteries of Torah—the wisdom of the Kabbalah—cannot be swayed by the evil inclination, for it has no power over such students."
>
> (cf. "Eben Shloma," 8, 27)

The author of the Tanya, the Rav of Ladi, quotes Rabbi Isaac Luria as having said that not during the early ages but during the latter generations in particular it is permissible, and even meritorious to unveil the wisdom of the Kabbalah. (cf. Ygaret Hakodesh).

Rabbi Isaac of Kamarana, that great author of many books, among which is an excellent commentary on the Zohar, writes in his book "Netzer Hesed" as follows:

answered that its prolongation is due to lack of study of Torah, and continued to say: 'I have heard from Rabbi Hamnunah the Aged that the Jews were driven into three exiles, from which they were redeemed by virtue of the ancestral merit (that of Abraham, Isaac and Jacob). From the present, fourth exile they will be redeemed through the merit of Moses. Come and let me show you. The Jews were exiled purely because of their failure to study Torah, as the prophet affirms: " 'God said that Eretz Israel was destroyed because of abandonment of my Torah.' " And Rabbi Isaac continues with the words of the Creator Himself: " 'In the first three exiles the Jews were redeemed because of Abraham, Isaac and Jacob, but now they have sinned against the Torah which I have given to Moses, and which is named after him, as the prophet expresses it: 'Remember the Torah of Moses, my servant.' When the Jews will once more study his Torah I will redeem them through Moses' merit.' "

Thus, according to the Zohar we must admit that the continuation of our exile is because we do not learn Torah, and the redemption would have taken place long since if not for this fact. This being so, let us understand to what portion of Torah the foregoing refers. Shall we say that it applies to the Talmud and the Codes? This cannot be, since we have many Yeshivas, and a multitude of students who devote themselves assiduously to these Talmudic and Halakhic studies, yet we are still detained in exile and the redemption is hundreds of years overdue.

The momentous truth is that the Zohar passages quoted above, wherever they mention *Torah,* refer to the Wisdom of Kabbalah. And this the Jews have entirely abandoned. It is the inner soul of the Torah,

If Eventually—Why Not Now?

WE, the Jewish people, were born as a race only when we received the Torah on Mt. Sinai, as testified by the verse in Deuteronomy (Chapter XXVII, 9): ". . . this day thou art become the people of the Lord thy God." On that day the Jews became God's nation.

The Talmud and the Codes, which may be designated as the "external Torah" have protected our racial identity for the two thousand years we have been in exile. Whoever has adhered to Torah and precepts has remained loyal to Judaism — to the heritage of our ancestors, Abraham, Isaac and Jacob.

The Creator never intended our exile to last so long. Thus the prophet foretold but "a whole day of sorrow," upon which the sages comment that it refers to one thousand years of exile for Israel (a "day" of the Lord being equivalent to a thousand years). Yet we see that almost two thousand years have elapsed and we are still in exile.

The serious question that presents itself is: When shall we be freed from this dark exile? The answer is given in a Concealed Medrash of the Zohar, in the section dealing with Genesis:

"Rabbi Jose, the son of Chalafti, sat before Rabbi Isaac and asked him: 'Perhaps you have heard somewhere why the day of the Messiah is prolonged in the present exile?' Rabbi Isaac

Rabbi Levi I. Krakovsky, having travelled from America to Palestine, for the specific purpose of specializing in the study of the Kabbalah, devoted over twenty years to this branch of Torah. His researches resulted in an encyclopedic work on the subject (4 volumes), which will greatly facilitate the work of students.

Back in America, Rabbi Krakovsky has prepared for publication a number of manuscripts on the Kabbalah in English. One is a translation and elaboration of the "General Principles of Kabbalah," by Rabbi Moses Hayyim Luzzatto, the author of "Mesillat Yeshorim," which gives the gist of the entire subject. It is a book comprising from four to five hundred pages, and is the manuscript intended to be published first of all since it presents the basic principles of the Kabbalah, and is most suited to the general reading public.

Many renowned rabbis and universities have praised this work. This is what the chief rabbi of the Holy Land, Rabbi Isaac Herzog, writes:

"Rabbi Levi I. Krakovsky is a rare and remarkable personality, a man of saintly character and an idealist of the highest order. Rabbi Krakovsky's concordance is a striking work which will prove of great value to all students of the Kabbalah and of Jewish religious philosophy. I sincerely hope that our brethren of the United States will fully appreciate both the man and his work."

If Eventually—
Why Not NOW
?

NEW ADDRESS
603 Eastern Parkway

For particulars please write or telephone:

THE KABBALAH FOUNDATION

22 Lamont Court, (near Kingston Ave. and Empire Blvd.)
Brooklyn, New York.
Tel. SLocum 6-9410